**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/12/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר קעטי HOCHUL (האקול) מעלדט אז ניו יארק סטעיט האט איבערגעשטיגן איר יוטילייזעישען ציל פו האבן כאטש 30% ביזנעסער אונטער די אייגענטומערשאפט פון מינאריטעיטן און פרויען פאר די פערדע יאר אין א צו**

***דער יעצטיגע נאציאנאל-פירענדע 32.21% יוטילייזעישען ראטע טוט רעפרעזענטירן כמעט $3 ביליאן אין פאבליק קאנטראקטן געגעבן צו MWBE's***

***די אפיציעלע NYS MWBE באשטעטיגטע סימבאל ווערט פארגעשטעלט ביי די פערצנטע יערליכע פארעם מיטן טעמע "באפעסטיגן אונזער ציקומפט: א פארפליכטיגונג צו אויסברייטערן געלעגנהייטן פאר MWBE's"***

***לייגט די [פולע יערליכע 2024 באריכט](); בליקט דורך די נייע [NYS MWBE באשטעטיגטע סימבאל]()***

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן אז ניו יארק סטעיט האט איבערגעשטיגן איר יוטיליזעישען ציל אז כאטש 30 פראצענט פון ביזנעסער זאלן געהערן פאר מינאריטעיטן און פרויען פאר די פערדע יאר אין א צו - יעדער יאר זייט די Hochul (האקול) אדמיניסטראציע איז ארייגעקומען אין אפיס. די היי-יעריגע 32.21% יוטיליזעישען ראטע טוט רעפרעזענטירן כמעט $3 ביליאן אין פאבליק קאנטראקטן געגעבן צו באשטעטיגטע MWBE's אינעם פינאנציעלע יאר 2023-24, און כמעט $12 ביליאן זייט גאווערנאר Hochul (האקול) איז אריינגעקומען אין אפיס. גאווערנאר האקול האט געמאכט די מעלדונג און פארגעשטעלט א נייע MWBE באשטעטיגטע סימבאל ביי די פערצנטע יערליכע ניו יארק סטעיט MWBE צוזאמקום פארעם אין אלבעני.

"זייט ווערן גאווערנאר, האט מיין אדמיניסטראציע שטארק פאראויסגעשטופט אן עקאנאמישע אגענדע וואס טוט בעניפיטירן אלע ניו יארקער, און די היי-יעריגע יוטיליזעישען ראטע ווייזט די פארשריט וואס מיר האבן געמאכט צו דערגרייכן דער ציל," **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "מיר האבן נאך ארבעט צו טון, אבער דייווערסיטי איז ניו יארק'ס גרעסטע שטארקייט און אונזערע קאמיוניטי'ס שטערקסטע שטומע - צוזאמען, וועלן מיר ווייטערגיין פאראויסצושטיפן נאציאנאל-פירענדע פראגראמען און פאליסיס וועלכע שטיצן א מער יושר'דיגע, שטערקערע און פארשידענארטיגע עקאנאמיע."

אין צוגאב צו מעלדן אז די סטעיט האט איבערגעשטיגן איר יוטיליזעישען צילן, האט גאווערנאר Hochul (האקול) אויך פארגעשטעלט א נייע NYS MWBE באשטעטיגטע דעקאל, וואס וועט דינען אלס אן אפיציעלע אנערקענונג פאר MWBE's וועלכע זענען באשטעטיגט געווארן דורך די סטעיט'ס MWBE באשטעטיגונג פראגראם. דער פארשטעלונג טוט רעפלעקטירן ניו יארק סטעיט'ס ווייטערדיגע פארשפרעכונג פאראויסצושטופן MWBE וואוקס, הייבנדיג די ווערד פון סטעיט קאנטראקטינג און פארבעסערן דער דייווערסיטי אין אונזער עקאנאמיע.

די נייע MWBE באשטעטיגטע דעקאל וועט צושטעלן א באדייטענע צאל בענעפיטן פאר MWBE'ס בשעת זיי וואקסן און בליען אין די קאנקערינדע ניו יארק סטעיט עקאנאמיע. די בענעפיטן רעכנט אריין העלפן פארבעסערן די וויזיביליטעט פון MWBE'ס, און דערביי העלפן קליינע ביזנעסער ארויסשטיין מיט זייער אייגענארטיגקייט. עס וועט אויך ארויסשטעלן MWBE'ס אין א פאזיטיווע פאזיציע פאר פאטענציאלע קאנטראקט געלעגנהייטן מיטן גאווערמענט און פריוואטע סעקטאר ענטיטיס וועלכע טוען פריאריטיזירן דייווערסיטי און פינאנציעלע ווערד אין זייערע פראיעקטן. דאס קען פירן צו קאנטראקט געלעגנהייטן וועלכע טוען אויפהייבן די שטאפל פון ביזנעס סאקסעס. דער דעקאל קען אויך שטוצן וויכטיגע פאבליק-פריוואטע פארטנערשיפס וואס זיכן MWBE'ס אין זייערע אינטערנעמונגען.

דער דעקאל איז א שטארקע און ציענדע מארקעטונג געצייג פאר MWBE'ס און קען גענוצט ווערן צו זייערע ביזנעס סערוויסעס, מעגליכקייטן און באשטעטיגונג צו פאקטישע געלעגנהייטן MWBE'ס וועלן האבן די געלעגנהייט צו ארויסשטעלן דער MWBE באשטעטיגטע דעקאל אויף א דיגיטאלע פארמאט אויף זייער וועבזייטלעך, סאוציאלע מידיע מיטלען, מארקעטינג געצייג און אנדערע וועגן, ווי אויך אין פיזישע לאקאלן. פון נאך יאנואר 1, 2025, וועט די דיגיטאלע MWBE באשטעטיגטע דעקאל זיי צו באקומען פאר דאונלאוד פאק אלע NYS MWBE באשטעטיגטע פירמעס, און א באשטעלונג בויגן וועט זיין צו באקומען פאר די וואס ווילן א פיזישע דעקאל. מעלדונגען וועלן געשיקט ווערן דורך אימעיל צו אלע NYS MWBE פירמעס.

**הויפט דייווערסיטי אפיציר דזוליסע גוטערעז (Chief Diversity Officer Julissa Gutierrez) האט געזאגט,** "ניו יארק'ס איבערגעגעבנקייט פאר MWBE'ס, פאראויסגעשטופט דורך גאווערנאר Hochul (האקול), טוט רעפלעקטירן אונזערע וויזיע פון אן עקאנאמיע וואס נעמט יעדעם אריין און עס איז פארהאן געלעגנהייטן וואס יעדער קען דערגרייכן. מיטן איבערשטייגן אונזער יוטיליזעישען צילן און מיטן פארשטעלן געצייג ווי די MWBE באשטעטיגטע דעקאל, טוען מיר ערמעגליכן א סביבה ווי ביזנעסער אונטער די אייגענטום פון פרויען און מינאריטעטן ווערן אנגעזעהן, געשטיצט און ארויסגעהאלפן צו בליען."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישינער האופ נייט ( Empire State Development President, CEO and Commissioner Hope Knight) האט געזאגט,** "אונטער גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פירערשאפט, וועלן מיר ווייטערגייןצו פאראויסשטופן נאציאנאל-פירענדע פראגראמען און פאליסיס וועלכע טוען שטיצן א מער יושר'דיגע, דייווערסיפייד עקאנאמיע. צאמברענגנדיג הונדערטע MWBE'ס ביי די פארעם, איבערשטייגנדיג אונזער יוטילייזעישען צילן, און זייענדיג גרייט צו אדרעסירן די צרכים פון קאמפעניס וועלכע זוכן צו ווערן פאשטעטיגט אדער זענען שוין באשטעטיגט, טוט שאפן א פאזיטיווע ענווייראמענט ווי דייווערסיווע ביזניסער בליען, גאנצע קאמיוניטיס בעניפיטירן, און די עקאנאמיע וואקסט שטערקער און שטאנדהאפטיגער."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט דיוויזיע פון מינאריטעטן און פרויען ביזנעס דעוועלאפמענט עקזעקיוטיוו ווייס פרעזידענט און עקזעקיוטיוו דירעקטאר דזשעסאן מ. קלארק ( Empire State Development Division of Minority and Women’s Business Development Executive Vice President and Executive Director Jason M. Clark) האט געזאגט,** "אונטער די פירערשאפט פון גאווערנאר קעטי Hochul (האקול) און ESD קאמישינער האופ נייט, האבן מיר דערגרייכט באדייטנדע ציל-פונקטן אין א קורצע צייט-אפשניט. מיר האבן עלימינירט פארשלעפונגען אינעם פראצעדור צו באשטעטיגן MWBE'ס געמאכט פארבעסערונגען אינעם באשטעטיגן פראצעדור, און זייט 2021, זענען באלד $12 ביליקן אין סטעיט קאנטראקטן געגעבן געווארן צו MWBE'ס. כאטש עס איז דא נאך ארבעט צו טון, טוען מיר שאפן וועגן פאר די וואס זענען היסטאריש באזייטיגט געווארן, און טוען צוגעבן צו אן עקאנאמישע עקא-סיסטעם וואס טוט שעצן אלע ניו יארקער."

זינט איר גרינדונג אין 1988, איז ניו יארק סטעיט'ס MWBE פראגראם געווען א נאציאנאלעביישפיל צו פארברייטערן עקאנאמישע געלעגנהייט און שטיצן פארשידנארטיגע ביזנעס וואוקס, צושטעלנדיג פאר MWBE'ס די קענטעניסן, ריסאורסעס און באציאונגען וואס זיי נויטיגן זיך וויכטיג פאר זייער הצלחה.

די יערליכע NYS MWBE פארעם איז געמאכט פאר סיי נייע און סיי אוועקגעשטעלטע ביזנעסער, צושטעלנדיג צוגעפאסטע אינפארמאציע און ריסאורסעס צו אלע ענטערפענאורס, אפגעזען זייער שטאפל פון ערפארונג. די היי-יעריגע טעמע איז געווען "באפעסטיגן אונזער צוקונפט: א פארשפרעכונג צו אויסברייטען געלעגנהייטן פאר MWBE'ס" און האט פארגעשטעלט ערמעגליכטע נעטווארקינג געלעגנהייטן צווישן באשטעטיגטע MWBE'ס, ניו יארק סטעיט אגענטארן, הויפט קאנטראקטארס און פריוואטע קאמפעניס, ווי אויך פאנעל דיסקוסיעס און ווארקשאפס.

די פארעם'ס פאנעל דיסקוסעס האט געדעקט נושאים אריינרעכנדיג קאנטראקטן אין גרויסע פראיעקן, אייגענע באשלוס געלעגנהייטן און אגענטווא קאפיטאל פלענער. די ווארקשאפס האבן זיך קאנצענטרירט צו אדרעסירן צוטריט צו קאפיטאל, קאנטראקט קאנקורירונג סטראטעגיעס, וויאזוי דורכצוגיין די באשטעטיגונג פראצעדור, ריטעיל און טעכנאלאגיע געלעגנהייטן און טרענירונג פראגראמען אריינגערעכנט די ביזנעס וואוקס אקסעלערעיטער.

די היינטיגע מעלדונג טוט פאראויסרוקן גאווערנאר Hochul'ס (האקול) ברייטע באמיונגען צו פארשטערקערן ניו יארקער MWBE'ס. לעצטע יאר, האט די גאווערנאר געמאלדן די ענדע פון די פארשלעפונגען אינעם פראצעדור צו באקומען MWBE באשטעטיגונג. אין 2022, האט די גאווערנאר אינטערגעשריבן לעגיסלאציע געצילט צו פארמינערן שווינדלעריי און אומ'יושר'דיגע באניץ אינעם פראגראם, געלאזט ביזנעסער צו ניצן די MWBE דעוועלאפמענט און אויסבארגן פראגראמען צו אובערקומען עקזיסטירנדיגע חובות, און ערלויבט ניו יארק סיטי צו געבן קאנטראקטן ביז צו די ווערד פון $1.5 ציליאן צו WMBE'ס אן די פארמאלע קאנקערירנדע פראצעס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן